# גליון היכל הקודש

װעכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב װיליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:06
מוצאי יו"ט.....................7:34

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................מלכים-ב' ג'-ד'
בבלי.....................כתובות צ"ו
ירושלמי.........עבודה זרה ל"ה
תוספתא..................שבת י"א
רמב"ם.............זכיה ומתנה ז'

יום טוב סוכות, שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 3 (573)


## אַ וָואוֹרְט אוֹיף יוֹם טוֹב

וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ מִשַּׁלְהוּבוֹי וּמִדִּינוֹי דְּצֶדֶק. אִין דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען זָאגְט אוּם סוּכּוֹת בִּשְׁעַת פְּתִיחַת הָאָרוֹן, וָואס דָאס קוּמְט פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א זי"ע, בֶּעט מֶען דָארְט, "וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ מִשַּׁלְהוּבוֹי וּמִדִּינוֹי דְּצֶדֶק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דִי פֵייעֶר אוּן דִּין פוּן 'צֶדֶק'". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען בֶּעט אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן 'צֶדֶק'?

אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ גֶעפִינֶען מִיר אִין אִדְרָא זוּטָא (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ דַּפִּים רפ"ח-רצ"ב), רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ דְרֵיי זַאכְן אִינֶעם טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְּקוּת, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ "אַסְהֲדְנָא עָלַי לְכָל אִלֵּין דְּהָכָא, דְּהָא מִן יוֹמָאי לָא בָטִילְנָא אִלֵּין ג' סְעוּדָתֵי", אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְט צוּ עֶסְן אוּם שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת. דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ "אַסְהַדְנָא עָלַי. דְּכָל יוֹמִין דְּקָאֵימְנָא, תָּאִיבְנָא לְמֶחֱמֵי יוֹמָא דָא", זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ עֶר גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם טָאג וָואס עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט. אוּן דִי דְרִיטֶע זַאךְ "אַסְהַדְנָא עָלַי, דְּכָל יוֹמָאֵי הֲוֵינָא מִצְטַעֵר עַל עָלְמָא, דְּלָא יֶעֱרַע בְּדִינוֹי דְּצֶדֶק, וְלָא יוֹקִיד עָלְמָא בְּשַׁלְהוּבוֹי", זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר זִיךְ מִצְטַעֵר גֶעוֶוען אַז דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן דוּרְךְ דִי פֵייעֶר אוּן דִּין פוּן 'צֶדֶק'. וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פוּן 'צֶדֶק'?

עֶס אִיז זִיכֶער דָא הוֹיכֶע סוֹדוֹת וָואס דָאס פֵייעֶר אוּן דִּין פוּן 'צֶדֶק' בַּאדֵייט, אָבֶּער מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיסֶער דִי אַלֶע הוֹיכֶע סוֹדוֹת זָאל מֶען זוּכְן וָואס מֶען קֶען נֶעמֶען אִין הַאנְט, וָואס דָאס קֶען מֵיינֶען פַאר מִיר, אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִיצְן אִין לֶעבְּן. הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ פְּשַׁט וָואס מִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, 'צֶדֶק' - מֵיינְט גֶערֶעכְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים, מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אַזָא מֶענְטְשׁ וֶוערְט פָּשׁוּט פַארְבְּרֶענְט; עֶר אִיז צֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַרוּם אוּן אַרוּם, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם, עֶר קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר אִיז פָּשׁוּט גֶערֶעכְט.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן מִיט אוּנְז דֶעם וָוארְט: "זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט"; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט נָאר זוּכְן וואו מֶען קֶען זַיין קְלוּג. אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן מַחֲלֹקֶת הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט. דָאס הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעזָאגְט אִין טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְּקוּת: אִיךְ זָאג עֵדוּת אוֹיף מִיר אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי זַאךְ פוּן 'צֶדֶק', אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט.

דָאס בֶּעטְן מִיר בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ וִויל זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז".

דָאס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אוּם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, מֶען אִיז אִינְגַאנְצְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט מֶען דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ אִים, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט אַלֵיינְס, אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל וָואס פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע.

דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ אִיד קֶען צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זָאל זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט דְבֵקוּת בַּה'? דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "אֱמוּנָה אִיז דְבֵיקוּת", אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, סוּכּוֹת תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה

דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, מֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה מִיט זַיין גַאנְצֶען גוּף, מִיט אַלֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי שִׁיךְ, מְ'עֶסְט אוּן מְ'טְרִינְקְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דִי קְדוּשָּׁה פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה.

וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלֶע זַייטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה. יֶעדֶעס מָאל מְ'גֵייט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מְ'עֶסְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, הָאט מֶען נָאךְ אַ מִצְוָה, וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז וֶוען עֶר זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה כ"ו, כ') "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם", וֶוען אַ אִיד

<<<<<<

## א גוט ווארט

חִינוּךְ אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג קֶען מֶען זֵיי חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן. וִוי יוּנְגֶער מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל וֶועט מֶען הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען אַ קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג.

פוּן הַיינְט בִּיז נָאךְ סוּכּוֹת זֶענֶען דִי קִינְדֶער אָן קַיין חֵדֶר; דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, דִי קִינְדֶער זָאלְן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וואוּ זֵיי זֶענֶען אוּן מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ. יֶעצְט קוּמְט יוֹם טוֹב וֶוען מֶען זִיצְט בְּמֶשֶׁךְ גַאנְצֶעטֶע שָׁעוֹת אִין שׁוּל, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן; מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס פַּאסִירְט מִיטְ'ן קִינְד בִּשְׁעַת עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן, עֶס אִיז דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לָאקֶערְן אוֹיף קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תרנז, סְעִיף א): "קָטָן הַיּוֹדֵעַ לְנַעֲנֵעַ לוּלָב כְּדִינוֹ - אָבִיו חַיָּיב לִקְנוֹת לוֹ לוּלָב, כְּדֵי לְחַנְּכוֹ בְּמִצְוֹת", מֶען דַארְף קוֹיפְן פַאר דִי קִינְדֶער ד' מִינִים זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין בְּמִצְוֹת; בַּיי אוּנְז פִּירְט מֶען זִיךְ אַז אַלֶע הָאבְּן אֵייגֶענֶע ד' מִינִים אֲפִילוּ דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער. עֶס זֶענֶען דָא פְלֶעצֶער וָואס מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, דָאס אִיז וַוייל אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן אֵייגֶענֶע ד' מִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער עָרוּךְ הַשֻּׁלְחָן זָאגְט (סִימָן תרנז, סְעִיף ב): "אֲבָל אֶצְלֵנוּ, הַלְוַאי שֶׁיְּהֵא בְּיַד מִשְׁפָּחָה אַחַת לִקְנוֹת לְעַצְמָם הָאַרְבָּעָה מִינִים, וְגַם זֶה אֵינוֹ מָצוּי"; דֶערִיבֶּער הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקוֹיפְט. עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן אַלֶע תְּפִילוֹת אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת – הַלֵּל, נַעֲנוּעִים אוּן הוֹשַׁעְנוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ שְׁלָאפְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי סוּכָּה; אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, וֶועלְן זֵיי דָאס שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ מְקַיֵּים זַיין.

(קוּנְטְרֵס 'פְרֵיילִיכֶע טֶעג', סוּכּוֹת תשפ"ג)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג – גוּטֶע אוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, רְפוּאָה חֵלֶק ב', סִימָן ד): "הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם", קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דָאס גֵייט אַרוֹיף סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת; בְּגַשְׁמִיּוּת, אוֹיב אֵיינֶעם טוּט וֵויי דִי אוֹיגְן זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן. בְּרוּחָנִיּוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה. מִיט דִי אֶתְרוֹג אִין הַאנְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן.

מֶען קֶען צוּלֵייגְן, וָואס נָאךְ הֵייסְט אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג; דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען 'גוּטֶע אוֹיגְן', עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, עֶר זָאל פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָנִים תקכז, תקכח) דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין טָאג פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס טָאכְטֶערְ'ס חֲתוּנָה, אַז דֶער מְחוּתָּן רֶבִּי אַרְיֵה לֵייבּוּשׁ פוּן וָואלְטְשִׁיסְק הָאט בַּאקוּמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת פַאר דִי חוּפָּה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ מַזְכִּיר זַיין, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן: "הָאט מִיר אִינְזִינֶען בַּיי דִי חוּפָּה, אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן, אִיךְ פַארְגִין נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵויס אַז דוּ הָאסְט שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן, וַוייל וֶוען דוּ זָאלְסְט וֶוען הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן וָואלְסְטוּ גֶעפָארְן צוּ מַאכְן דִי חֲתוּנָה בַּיי מִיר, נִישְׁט אִיךְ זָאל פָארְן צוּ דִיר".

אָבֶער כְּדֵי צוּ קֶענֶען זֶען גוּטְס בַּיי אַנְדֶערֶע דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל דִי מַעֲשֶׂה, אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיין חָבֵר ר' מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, וֶועמֶען עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶען פַאר זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס מַאכְט יֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואס וואוֹינְט אִין דַיין שְׁטָאט?" עֶנְטְפֶערְט ר' מֵאִיר: "עֶר טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט", פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער: "אוּן וָואס מַאכְט יֶענֶער חָבֵר?" עֶנְטְפֶערְט עֶר וַוייטֶער: "עֶר טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט", אַזוֹי הָאט יֶענֶער חָבֵר אַוֶועקְגֶעמַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף וֶועמֶען רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, רֶבִּי נָתָן וואוּנְדֶערְט זִיךְ וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע טוֹיגְן מֶער גָארְנִישְׁט... פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אוּן וָואס מַאכְסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט ר' מֵאִיר מִיט אַ צֶעבְרָאכְנְקֵייט: "וָואס זָאל אִיךְ שׁוֹין זָאגְן, אִיךְ טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין גוּטְס אִין אַנְדֶערֶע, וַוייל דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, דֶערְפַאר זֶעסְטוּ אִין יֶעדְן שְׁלֶעכְטְס, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ זֶען דָאס גוּטְס פוּן דִיר – וֶועסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ זֶען דָאס גוּטְס פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן".

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זֶען דָאס גוּטְס פוּן זִיךְ, אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בָּרוּךְ ה' אִיךְ שָׁאקְל דִי ד' מִינִים", "בָּרוּךְ ה' אִיךְ הִיט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל – סוּכּוֹת תשפ"ב)

# פוּן אָפְּפַאל – אַ שֵׁיינֶע סוּכָּה

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, פוּן וָואס מַאכְט מֶען אַ סוּכָּה? וֶועלְכֶע סְכָךְ אִיז כָּשֵׁר פַאר אַ סוּכָּה? פוּן אָפְּפַאל פוּן תְּבוּאָה, שְׁמוּץ וָואס מֶען וַוארְפְט אַוֶועק אִין דִי מִיסְט, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה יב.), אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּדֶעקְן זַיין סוּכָּה מִיט וֵוייץ, אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּדֶעקְן זַיין סוּכָּה מִיט טְרוֹיבְּן – אִיז דִי סוּכָּה פָּסוּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מֶען זָאל דַוְקָא לֵייגְן 'פְּסֹלֶת גֹּרֶן וְיֶקֶב', שָׁאלַאכְטְס אוּן אָפְּפַאל פוּן תְּבוּאָה, אוּנְז צוּ וַוייזְן דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד', 'אִיךְ בִּין אָפְּפַאל', זָאגְט מֶען אִים: "פוּן דִיר קֶען מֶען מַאכְן אַ סוּכָּה!" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע מִצְוָה פוּן דֶעם, מֶען זָאל זִיצְן אַכְט טֶעג אִין אַ סוּכָּה וָואס מֶען דֶעקְט צוּ מִיט אָפְּפַאל, צוּ וַוייזְן אֲפִילוּ אַזַא שְׁוַואכֶע

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ צִימֶער מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען, אוּן מְ'קֶען דָארְט פוֹעלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בְּרוֹיךְ.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תרל"ט, סְעִיף ד') אַז מְ'קֶען דַאוֶוענֶען אִינֶעוֵוייניִג אִין דִי סוּכָּה אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, דִי פּוֹסְקִים זָאגְן דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם, סְעִיף קָטָן י"ד) אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען דַאוֶוענֶען רוּאִיג אִין דִי סוּכָּה זָאל עֶר דַאוֶוענֶען דָארְט, אוֹיבּ אָבֶער אִיז דָא אַ שׁוּל אִין שְׁטָאט זָאל עֶר גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל. דָאס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶועלְכֶע שְׁטָאט הָאט דֶען נִישְׁט קַיין שׁוּל? אוּן פַארְוָואס זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען אִין דִי סוּכָּה אוֹיבּ אִיז דָארְט דָא רוּאִיגְקֵייט? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי גֶעהֶערִיגֶע תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ דִי אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז יָא זֵייעֶר גוּט צוּ טוּן אִין דִי סוּכָּה. וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רוּאִיגְקֵייט פוּן דֶעם אַז אַ אִיד וֵוייסְט אוּן שְׁפִּירְט אַז עֶר זִיצְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אִין אַ שְׁטוּבּ, דָאס עֶפְּנְט דָאךְ אוֹיף דָאס הַארְץ, דָאס בְּרֶענְגְט דָאךְ אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף דִי גֶעווִיסְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְנְדִיג אִין דִי סוּכָּה.

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דִי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ג':) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כ"ג, מ"ב) "בַּסֻּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ מַה דִּירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ; אַז מְ'זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ. דֶערְפַאר, וֶוען אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה קֶען עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ, אִיךְ בִּין דָא אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ח) אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער. דֶערְפַאר אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וֶוען מִיר זִיצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אוּן דָארְט אִיבֶּערְלָאזְן אוּנְזֶער גַאנְצֶער פֶּעקְל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶענְטְשְׁן לֵיידְן לֵיידֶער אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן יִסּוּרִים, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע פֶּעקְל צָרוֹת וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ אוּן קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז נָאר דוּרְכְ'ן עֶס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, וִוי שְׁטַארְק עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אֱמֶתְ'עֶר נָאנְטֶער חַבֵר אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט פַאר אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר וָואלְט אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ פִיל מֶער, דַארְף מֶען טוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פַאר מֶענְטְשְׁן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נָאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַמָּשׁ אַלֶע דֶעטַאלְן, נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן אוֹיסְצוּזָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער אִיז גָאר אַ נָאנְטֶער חַבֵר. פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אָבֶער יָא אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּ אִים אוּן בֶּעט אִים זַיין הִילְף. אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד טוּן, סַיי וֶוען אוּן סַיי וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, וֶוען מְ'זִיצְט אָבֶער אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה אִיז מֶען נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, דַאן קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין אַז וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה נָאךְ יוֹם טוֹב, זָאל עֶר אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ אוֹיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן נָאר אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער.

## שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה

דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֲכָנָה צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען טוּן. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ע אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן זַ"ע, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ בַּאדִינֶען רֶבִּי נָתָן, אֵיינְמָאל עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעבּוֹיעֶט דִי סוּכָּה פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן בַּיינַאכְט וֶוען עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין דִי סוּכָּה מִיט רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וֶוען מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אָפּ אַ גַאנְצְן טָאג צוּ בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, דַאן שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערְן טַעַם אִין דִי סוּכָּה...", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט, "דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה', וָואסֶערֶע טַעַם מְ'שְׁפִּירְט נָאכְדֶעם אִין דִי סוּכָּה..."

וֶוען עֶס קוּמְט פַאר אַ יוֹם טוֹב, פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, אָדֶער פַאר סַיי וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט, אַ אִיד וִויל זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב, עֶר וִויל זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי מִצְוָה, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָּר אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ'זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דֶעם יוֹם טוֹב אוּן אִין דִי מִצְוָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער יוֹם טוֹב זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, מְ'זָאל טוּן אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף צוּ טוּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מְ'זָאל אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן דֶעם יוֹם טוֹב דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער חָבֵר. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מְ'רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רַעַשׁ אִין הִימְל, אוּן דָאס עֶפְּנְט אוֹיף אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

(קוּנְטְרֵס יוֹם טוֹב סוּכּוֹת)

ווייל וואס מער מען דרוקט זיך צו ווינען גייט עס נישט... מען דארף רעדן צום אייבערשטן נאטירלעך, אזוי ווי מען רעדט זיך אויס צו א נאנטער חבר.

מוצאי שבת קודש נאכ'ן זינגען זמירות און עסן מלוה מלכה איז פארגעקומען זייער א מרוגש'דיגע מעמד, דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן פילע אינגעלייט, בחורים און אינגלעך וואס האבן יעצט זוכה געווען צו מאכן סיומים, עס זענען פארגעקומען 5 סיומי הש"ס. 10 סיומי משניות, 3 ספר המידות, 2 כל ספרי רבינו, א סיום שלחן ערוך, און נאך פילע סיומים, דאס איז אויסער די פילע סיומים וואס אנשי שלומינו האבן געפראוועט ביי זיך אינדערהיים איידער זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז נאך אזעלכע סיומים קען מען שוין גארנישט זאגן. און האט ארויסגעברענגט אז דאס איז מער פון אלע דרשות וואס מען קען געבן. ווען מען זעט ווי צווישן די מסיימים זענען דא אלע סארטן אידן אין אלע מצבים, און ווען א בחור אדער אינגערמאן זעט מיט די אייגענע אויגן ווי א צווייטער זיינ'ס גלייכן קען לערנען און מסיים זיין אזעלכע שיינע זאכן, עפנט זיך אויף זיין הארץ און ער באשליסט אויך אנצוהייבן א שיעור אין גמרא, אין משניות, און אזוי ווייטער.

## ערב ראש השנה

ליל ערב ראש השנה, מוצאי שבת קודש כחצות הלילה, אום איינס אזייגער, איז זיך א פילקעפיגער עולם צוזאמגעקומען אין היכל הבית המדרש צו סליחות "זכור ברית". הר"ר אברהם הערש וועבערמאן שליט"א האט מיט זיין זיסע שטימע פארגעזאגט די סליחות מיט גרויס התעוררות. דער עולם האט מיטגעזאגט מיט גרויס בענקשאפט, זיך אויסגעוויינט און זיך אויסגעבעטן ביים אייבערשטן, און זיך געגרייט צום פארכטיגן יום הדין.

ערב ראש השנה אינדערפרי נאך שחרית האבן זיך פארזאמעלט א שורה פון הונדערטער אידן צו געבן פדיון נפש פאר ראש ישיבה שליט"א וואס האט זיך געצויגן פאר לאנגע שעות, וואס צוליב דעם האט מען געמוזט מפסיק זיין, און מען האט ממשיך געווען פדיון נפש אין די נאכמיטאג שעה'ן פאר עטליכע שטונדן. דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן רי"ד) אז ערב ראש השנה זאל מען געבן א פדיון, מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן אז די גרעסטע צדקה וואס עס איז פארהאן איז צו געבן געלט צו קענען מער און מער פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, דאס איז די בעסטע וועג ווי אזוי מחי' צו זיין אידישע קינדער, און דאס בלייבט פאר זיי אויף אייביג. דעריבער פלעגט מוהרא"ש נוצן די געלט פון די פדיונות אויף צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און צו בויען דעם רבינ'ס מוסדות, צו קענען מיט דעם ווייטער פארשפרייטן דעם רבינ'ס ליכט אויף די גאנצע וועלט, און דאס איז דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער ממשיך ביז'ן היינטיגן טאג.

## ראש השנה

ערב יום טוב צום זמן איז זיך דער עולם צוזאם געקומען אין בית המדרש צו די לעצטע מנחה פון יאר, וואס מען האט געדאווענט מיט גרויס התעוררות. נאכ'ן דאווענען איז דער גאנצער ציבור אריבערגעגאנגען זיך וואונטשן לשנה טובה ביים ראש ישיבה שליט"א. דערנאך איז פארגעקומען די סעודה אין בית המדרש, וואס איז געפראוועט געווארן מיט גרויס ערנסטקייט.

ביידע טעג יום טוב זענען רוב ציבור אויפגעשטאנען פארטאגס פאר'ן עלות השחר, און נאך די מקוה האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם בלאט גמרא, נאכ'ן שיעור האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט איבער דעם אז מען זאל אויסנוצן די צייט צו גיין צום הייליגן ציון, די פלאץ וואו מען קען פועל'ן אלע ישועות. דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צופיס א האלבע שעה צום ציון הקדוש, וואו מען האט געזאגט "תיקון הכללי" און זיך אויסגעבעטן אלעס גוטס אין די צופרי שעה'ן ווען מען קען אביסל גרינגער צוקומען נענטער צום הייליגן קבר.

אום אכט אזייגער האט מען זיך געשטעלט שחרית מיט גרויס געהויבנקייט, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען די ערשטע טאג הר"ר שלמה רוטה שליט"א און די צווייטע טאג הר"ר אלחנן רוטה שליט"א, שחרית און מוסף האט דער ראש ישיבה געדאווענט מיט גרויס דערהויבנקייט און התעוררות. פאר תקיעת שופר האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט א תקיעת שופר דרשה, ער האט ארויסגעברענגט די גרויסע עת רצון וואס עס איז דא אין הימל בשעת תקיעת שופר, וואס קיין שום מקטרג קען זיך דאן נישט עפענען דאס מויל, און איז א גוטע צייט תשובה צו טון. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה געבעטן אז מען זאל זיך נישט פיינט האבן איינער דעם צווייטן, יעצט איז די צייט זיך איבערצובעטן און זיך אנהויבן ליב האבן. אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט איבער די גזירות החינוך וואס שוועבט יעצט אין ניו יארק, און געבעטן אנשי שלומינו מתפלל צו זיין אז מען זאל קענען מחנך זיין די קינדער מיט אן ערליכן און ריכטיגן אידישן חינוך, אן קיין שוועריקייטן.

נאכ'ן דאווענען האט מען געפראוועט די סעודה מיט גרויס געהויבנקייט. אנשי שלומינו האבן אויסגענוצט די נאכמיטאג שעות מיט תורה תפלה התבודדות און גיין צום הייליגן ציון זיך אויסצובעטן אלעס גוטס.

דעם ערשטן טאג יום טוב נאכמיטאג איז דער גאנצער ציבור, אין שפיץ פונעם ראש ישיבה שליט"א, געגאנגען זאגן תשליך ביים וואסער וואס לויפט נעבן דעם בנין, און ווי דער מנהג איז אין ברסלב האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טענצל נאך תשליך, און געדאנקט דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען איבערצוקומען אלע מניעות, מען האט זוכה געווען אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און מען האט אויסגע'פועל'ט א זיס ליכטיג יאר.

נאך מנחה האט דער ראש ישיבה געזאגט די דרשה, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט א שטיקל פונעם מחזור "עת רצון" פון מוהרא"ש זי"ע וואס ברענגט אראפ א שטיקל פון ליקוטי הלכות אז דער צדיק גייט נישט אוועק פון דער וועלט איידער ער לאזט איבער א תלמיד וואס ברענגט אריין די לימודים פונעם צדיק אין זיינע תלמידים, און אז מען מוז זוכן א פלאץ וואו מען רעדט איבער פשטות יהדות, א פלאץ וואו מען איז מחזק צו שלום בית, תורה, אמונה, התבודדות.

וכמעשהו בראשונה, כך מעשהו בשני', אבער פון נאך תשליך האט זיך שוין אנגעהויבן "דינא רפיא" ווען מען האט שוין מער געזינגען פרייליכע ניגונים ביי די סעודות. דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן עטליכע אנשי שלומינו זאלן זינגען שיינע חזנות שטיקלעך פון די פארשידענע פיוטים פונעם דאווענען, פון וואס דער עולם האט זיך דערקוויקט.

דעם צווייטן טאג נאך מנחה האט דער ראש ישיבה ווידער געגעבן א שיינע דרשה, מען האט צו ערשט אנגעהויבן מיט ניגוני התעוררות און ניגונים פון בענקשאפט צום אייבערשטן. דערנאך האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז ווען מען גייט אהיים דארף מען זען צו נעמען פונעם רבי'ן די מתנות וואס ער געבט אונז. מען זאל מיטנעמען מיט זיך דער סדר דרך הלימוד פון זאגן משניות און גמרא, מען זאל זיך איינפאקן די עצות פון שלום בית, "אויב די ווייב שרייט, דארף מען נישט ענטפערן, נאר עס אננעמען אלס כפרת עוונות און תשובה טון", מען זאל מיטנעמען די ריינע אמונה, לעבן מיט'ן אייבערשטן, זיך פרייען מיט די פשוטע מצוות, מיט שבת, תפילין, ציצית, בארד און פיאות, און דאס מערסטע זאל מען מיטנעמען די תפלה והתבודדות, זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן ווי מער אויף די אייגענע שפראך, יעדעס ווארט וואס א איד רעדט צום אייבערשטן איז א געוואלדיגע הצלחה פאר'ן מענטש, דאס וועט באגלייטן און אים העלפן אויף די וועלט אויף יענע וועלט.

מוצאי יום טוב נאך מעריב האט דער עולם זיך ארויסגעלאזט אין א פייערדיגע טאנץ ווי דער מנהג איז ביי ברסלב'ע חסידים, מען האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים אז מען האט געקענט איבערקומען אלע כלליות'דיגע מניעות ווי געלט, משפחה, מלחמה און אלע פרטיות'דיגע מניעות וואס יעדער גייט דורך פריוואט, און יעצט אז מען איז דורך דעם געהויבענעם ראש השנה, איז מען סמוך ובטוח אין זכות פונעם הייליגן רבי'ן אז מען האט געפועלט א זיס און געבענטש יאר, א שנת גאולה וישועה.

נאך עטליכע מינוט האט מען שוין געמוזט לויפן זיך צוזאמפאקן די פעקלעך און זיך ארויסלאזן אויף די לאנגע און שווערע רייזע צוריק אהיים, אבער מיט א לייכטע און פרייליכע געמיט, ווייסנדיג אז מען האט זיך איינגעקויפן א שנת גאולה וישועה, א זיס ליכטיג יאר, א יאר פון לעבן מיט'ן אייבערשטן, מיט אלע גוטע ישועות און רפואות.

**מי שהיה אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח כל השנה!**

<<<<<< ברייוו

מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיךְ גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל - סוּכּוֹת תשפ"ב)

# מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וְזֹאת הַבְּרָכָה אוּן בְּרֵאשִׁית

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פוּן וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה; מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֵיינֶען וְזֹאת הַבְּרָכָה, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוֹיךְ קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, בִּפְרַט הֵיי יָאר וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס פְרַייטָאג, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ שׁוֹין אָנְצוּהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶּער אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה בְּרֵאשִׁית, בִּפְרַט וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס אַזוֹי וִוי דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה - פְרַייטָאג, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען לֵיינְט שׁוֹין בַּיי מִנְחָה פַּרְשַׁת נֹחַ. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועט עֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשע"ז)

# ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

**27 Skillman St.**

# זמני תפלה לחג הסוכות

## סוכות

שחרית......................10:00

מנחה........................7:00

## חול המועד סוכות

שחרית......................10:00

מנחה........................7:00

# סעודת הילולא רבתי של רבינו ז"ל

מיטוואך נאכט חול המועד

**בהסוכה ממול בית מדרשינו**

27 Skillman St.

**בשעה 8:00**

## הושענא רבה

ליינען משנה תורה..................10:00

שחרית........................8:30

## שמיני עצרת

שחרית......................10:00

מנחה........................6:30

דערנאך זיך געזעגענען פון די סוכה

## שמחת תורה

שחרית......................9:00

מנחה........................6:15

**א פרייליכן יום טוב - הגבאים**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# הערליכע דערהויבענע ראש השנה ביים הייליגן רבי׳ן אין אומאן

אנשי שלומינו זענען נאך אונטערן רושם פונעם געהויבענעם יום טוב ראש השנה אין אומאן בצל הקודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי מען האט פארברענגט אינאיינעם, געדאווענט ברוב עם די תפלות ותקיעת שופר מיט גרויס התעוררות, געגעסן די סעודות שבת ויום טוב מיט די הערליכע געזאנגען פון די זמירות און ניגונים אינאיינעם, די תפלה והתבודדות און תיקון הכללי ביים ציון הקדוש מיט געגועים און השתפכות הנפש, און די הערליכע דרשות און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א.

טראצדעם וואס אין די וואכן פאר ראש השנה זענען געהערט געווארן ווארענונגען פון פארשידענע ריכטונגען, "ווארטזאגערס" און "אמבאסאדעס" האבן זיך געלאזט הערן מיט פארשידענע אפשרעקנדע מעלדונגען, "מיר קענען נישט נעמען קיין אחריות" האט א ווארטזאגער פון די ציוניסטישע רעגירונג געווארנט. "עס איז סכנת נפשות, אוקריינא איז אין א מלחמה צושטאנד" האבן אנדערע אמבאסאדארן געשריגן. האבן ברסלב׳ע חסידים זיך נישט צופיל דערשראקן דערפון, וויסנדיג אז דאס איז בלויז נאך א מניעה וואס דער סמ"ך מ"ם פרובירט אונטערצושטעלן אונז אפצוהאלטן פון קומען צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, בפרט ווען מען האט געהערט פון אידן וואס האבן געפעדערט און האבן געמאכט זייער וועג קיין אומאן במשך חודש אלול, אז די גאנצע וועג פון אלע ארומיגע לענדער ביז אומאן, און אזוי אויך אין אומאן זעלבסט, איז די מצב גענצליך רואיג, מען זעט בכלל נישט קיין "מלחמה" מצב, און ווי די חשובע רבנים וגדולי פוסקי דורינו האבן אלע פה אחד גע׳פסק׳נט א קלארע פסק הלכה אז עס הייסט נישט קיין מקום סכנה, און מען קען רואיג פארן קיין אומאן, אנדערש ווי די צייטונגען און טעלעפאן ליניעס וואס האבן געוואלט אנווארפן א שרעק איבער דאס פארן קיין אומאן, וואס דאס מוזן זיי טון לצורך פרנסה, זיי לעבן דאך נאר פון אנווארפן פחדים און שרעק אויפ׳ן ציבור, דאס מאכט אז דער עולם זאל ווענלן מיטהאלטן די נייעס.

אין די לעצטע טעג פאר ראש השנה העעל"ט האבן זיך טאקע צענדליגע טויזנטער אידן ארויסגעלאזט אויפ׳ן לאנגן אויסמאטערנדן וועג, און גענומען וועגן פון אנדערע לענדער מאכנדיג פון דארט זייער וועג פאר לאנגע שעות מיט פליגער, אויטאס, באסעס, און באנען, ווען ביי יעדע טריט נענטער ווערט שטערקער די חשק און תשוקה אנצוקומען צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, וואס דאס האט דערמאנט די פילע נסיעות וואס אונזערע זיידעס און עלטערע זיידעס זענען געפארן אין זייער צייט צו צדיקים אויף יום טוב, עס איז נישט געווען אזעלכע גרינגע וועגן אנצוקומען צו א רבי׳ן ווי אין די היינטיגע טעג.

די וועלט איז געשטאנען און געשטוינט "מנן ומאן הוא רחימך", פארוואס און פארוואן גייט מען אריין אין א מלחמה זאנע? פארוואס לאזט מען זיך קאסטן אזעלכע געלטער פאר די וועגן און טיקעטס? צו וואס איז מען גרייט זיך אויסמוטשען אין וועגן וואס דויערט לאנגע שעות פון דרייסיג-פערציג שעה אנצוקומען קיין אומאן? וואס קען מען שוין טרעפן אין אומאן וואס מען קען נישט טרעפן אין ניו יארק, ירושלים, לאנדאן, אדער אנטווערפן? – האט מען געפרעגט, וואס שלעפט די צענדליגע טויזנטער אידן וואס קומען צו פארן מיט מסירת נפש? – האט מען זיך געוואונדערט.

דער ענטפער צו די אלע שאלות איז "אמונת חכמים", אידישע קינדער גלייבן אינעם הייליגן צדיק, דער נחל נובע מקור חכמה, וואס האט געבעטן און געפאדערט אז מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און האט צוגעזאגט צו מתקן זיין יעדן איינעם וואס באטייליגט זיך אינעם הייליגן קיבוץ.

און אזוי איז טאקע געווען ברוך ה׳, אלע וואס זענען דארט געווען קענען עדות זאגן אויף די רואיגע וועגן און אויף די שטייגערליכע מצב אין אומאן, ווי אלעס איז אנגעגאנגען ווי יעדעס יאר, און אויב איז געווען שינויים, איז עס נאר די נאך פילע נייע האטעלן, בתי מדרשים, און געשעפטן וואס זענען צוגעקומען במשך די לעצטע יאר. אין כאן לא מיסילס ולא באמבעס, לא טאנקען ולא סיירינס, לא שרירין ולא קיימין.

אנשי שלומינו אין היכל הקודש זענען אבער געכאפט געווארן אין סורפרייז. ווען דארט אינעם בנין היכל הקודש האט זיך די מלחמה אנגעזען אויף א גאר שטארקע פארנעם... מען האט געזען פילע "באוואפנטע לייט" ארומגיין, דער איז געווען באוואפנט מיט א משניות, א צווייטער מיט א תהלימ׳ל, דער מיט א גמרא, און אן אנדערער מיט א שלחן ערוך אדער חומש. א געניט אויג האט אויך געקענט באמערקן די "ספעציעלע קרעפן", די באהאלטענע אגענטן, וואס פונדרויסן האט זיך גארנישט אנגעזען אויף זיי עפעס ספעציעל, אבער שטילערהייט שאקלען זיך זייערע ליפן מיט תפילה והתבודדות, און זענען צוגעקלעבט צום אייבערשטן פיר און צוואנציג שעה אין טאג.

### שבת קודש ביים הייליגן רבי׳ן

דער ברייטער ציבור איז שוין אנגעקומען קיין אומאן אום דאנערשטאג, און האבן זוכה געווען אפצורעכטן גאר א געהויבענעם שבת קודש בצל קדשו פון הייליגן רבי׳ן אין אומאן.

פרייטאג צונאכטס האט מען געדאווענט א ווארעמע דאווענען מיט׳ן געשמאקן בעל תפילה מו"ה מאטי היימליך הי"ו, נאכ׳ן דאווענען - בשעת מען האט אנגעגרייט דעם בית המדרש צו די סעודה - האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינעם שמועס אונטן אין עס-זאל, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז באמת דארף מען תיכף נאכ׳ן דאווענען אהיימגיין און מאכן די סעודה, נאר יעצט האט מען נישט קיין ברירה, מען דארף אנגרייטן דעם בית המדרש. דער ראש ישיבה האט געגעבן א שמועס איבער דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און ווי אזוי אלעס קען זיך איבערדרייען צום גוטן ווען מען געוואוינט זיך צו צו געבן פאר יעדן גוטע ווערטער.

ביי די זמירות ווען מען האט געהאלטן ביים שטיקל פון "מודה אני לפניך" האט דער ראש ישיבה אויסגערופן "ווען שבת געפאלט אום יום טוב לאזט מען אויס דעם שטיקל "מודה אני לפניך", און א שבת ביים רבי׳ן איז א יום טוב", און דער ראש ישיבה האט מיט א געוואלדיגע שמחה אנגעהויבן "אשת חיל" מיט׳ן ברסלב׳ן נוסח. ביי די סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם, ווי דער ראש ישיבה רעדט כסדר איבער דעם אז דער עיקר אידישקייט איז טון די פשוטע זאכן ווי זינגען זמירות שבת, און דאס גלייכן.

נאך די סעודה האט דער ראש ישיבה אויסגערופן אז מען זאל נישט לאזן די קינדער אויף הפקר, אדער זאל מען זיך לייגן שלאפן מיט די קינדער, אדער זאל מען זיי האלטן נעבן זיך ביים באטע.

ביי די באטע האט מען גאר שיין געזינגען אינאיינעם די זמירות און נאך ווארעמע ניגונים, און דערנאך האט דער ראש ישיבה ממשיך געווען די פריערדיגער שמועס פון דאנקען דעם אייבערשטן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס יאר האט יעדער מורא געהאט אז צוליב די פילע נסיעות און סטאפס און אזוי אויך זענען געווען אסאך באריכטן אז די עירפארטס זענען זייער איבערגעשטרענגט און מען האט זיך גערישט אז אסאך רענצלעך וועלן נישט אנקומען, דערפאר האט יעדער גוט מתפלל געווען "באשעפער העלף מיינע רענצלעך זאלן אנקומען" און ווי וואונדערליך עס הערט זיך, איז דאס יאר פארלוירן געווארן אסאך ווייניגער ווי אנדערע יארן. דער ראש ישיבה שליט"א האט אסאך ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי׳ן אין אומאן, און ווי אזוי אויסצונוצן דעם ראש השנה ווי עס דארף צו זיין, און איבער די געוואלדיגע חיזוק און עצות וואס מיר באקומען פון הייליגן רבי׳ן, וואס באגלייט אונז די גאנצע יאר, און דערנענטערט אונז צום אייבערשטן.

שבת קודש אינדערפרי איז דער ראש ישיבה געגאנגען צום ציון מיט פילע אנשי שלומינו, מען האט געזאגט דעם תיקון הכללי און זיך מתבודד געווען, און דערנאך זיך צוריק געקערט צום בנין, ווי מען האט זיך געשטעלט דאווענען מיט דערהויבנקייט און געשמאק. נאכ׳ן דאווענען איז געווען א שיינע שיעור אין סיפורי מעשיות, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט מעשה י"ג פון די זיבן בעטלערס, דער ראש ישיבה האט גערעדט באריכות אז אפילו מען האט שוין אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, זאל מען נאכאמאל בעטן, און אויב ביסט נאכאלץ נישט געהאלפן געווארן, אפשר דארפסטו רעדן צום אייבערשטן מיט מער דרך ארץ? מען דארף זיך "אויסרעדן" צום אויבערשטן, נישט זיך "אפרעדן", נישט קומען מיט טענות ומענות און זיך אפרעדן פארוואס מען איז נאכנישט געהאלפן געווארן, נאר בעטן איינמאל און נאכאמאל ברחמים ובתחנונים. דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער "שלום בית", רעדן שיין צו די ווייב, און זען אירע מעלות און נישט באמערקן אירע חסרונות.

דער עולם האט אויסגענוצט דעם שבת נאכמיטאג ווי עס דארף צו זיין, טייל האבן זיך אראפגעלייגט און זיך אויסגערועט פונעם שווערן וועג, טייל זענען געגאנגען צום ציון, און אנדערע האבן געלערנט יעדער זייערע שיעורים אין בית המדרש.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה געזאגט אז בלויז דאס קומען קיין אומאן אויף ראש השנה מאכט נאכנישט דעם מענטש פאר א ברסלב׳ער, צום רבין אין אומאן דארף קומען די גאנצע וועלט, ווער דארף דען נישט קיין תיקון? אבער איינער וואס וויל זיין א ברסלבער חסיד דארף ערנסט נעמען דעם רבינ׳ס לימודים, זיך מתבודד זיין יעדן טאג, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, אים אויסדערציילן אלעס וואס ליגט אויפ׳ן הארץ, לערנען יעדן טאג, אביסל משניות, אביסל גמרא, אביסל חומש. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט איבער דעם זיסן "סדר דרך הלימוד" וואס דער רבי האט אונז געגעבן, אפילו דו האסט נישט קיין געדולד, האסט נישט קיין חברותא, "זאג די ווערטער אפילו אן קיין עברי..." דער ראש ישיבה האט אסאך מאל ארומגערעדט אז מען דארף נישט וועלן וויינען ביים ציון, סיי ווייל דאס איז נישט קיין חלק פונעם תיקון, און נאך מער

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן ניישטיין** שליט"א

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק משה רייך** הי"ו

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב

הבחור החשוב **אשר רייך** נ"י

## יום טוב סוכות

**דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, מגילת קהלת, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויף דעם הייליגן און פרייליכן יום טוב סוכות**

**> קול ברסלב <**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**